# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת ויקהל פקודי, כ"ה אדר תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון כ"ד**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......6:53
מוצאי שבת קודש......8:25

# א מעשה פון תפלה

## אלע משפחות אין שטעטל

אזוי ווי אלע ווייסן דרייט זיך יעצט ארום א מורא'דיגע פחד אין די גאנצע וועלט וועגן די קאראנע ווירוס, אבער אונז אידן ווייסן אז מען דארף לעבן מיט אמונה און נישט לעבן אין קיין פחד, אבער אז די גאנצע וועלט ווי מען גייט און ווי מען שטייט ציטערן אוועק כאפט זיך עס ווי נישט ווי אריבער צו אונז אויכעט, אלע איינוואוינער פון די שטעטל האבן געבעטן דעם אייבערשטן און בעטן נאך אלץ יעדן טאג דעם אייבערשטן אז מען זאל נישט ווערן מיטגעכאפט מיט די פחדים וואס דרייט זיך ארום, און שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה איז אונז מחזק יעדן טאג מיט בריוועו און ניגונים און אזוי אויך אויף נאך וועגן, אז אונז זאלן זיך חס וחלילה נישט פארלירן פאר קיין איין רגע, נאר גלייבן און געדענקן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן אליין!

## אברהם הערש וועבערמאן

איך האב געדארפט קויפן 2 נייע אויווענעס און אזוי אויך א נייע וואש מאשין און דרייער, אבער עס קאסט דאך געלט, איז ווי נעמט מען געלט, קומט מען אלץ צוריק צו די עצה פון תפלה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען קויפן, און איך זאל טרעפן א גוטע וואס וועט זיך האלטן פאר א לאנגע צייט און פון די אנדערע זייט זאל עס נישט קאסטן טייער, און שכח אייבערשטער אז עס איז אנגעקומען געלט פון עפעס א זייטיגע וועג וואס מיט דעם האב איך עס געקענט קויפן, און ברוך השם עס איז געווען פאר ממש דעי סכום וויפל געלט איך האב באקומען.

### מודעה

צוליב די קאראנע ווירוס וואס גייט יעצט ארום ווילן מיר בעטן יעדן איינעם בכל לשון של בקשה, ביטע זיך נישט פארלירן און זיין דערשראקן חס ושלום, נאר געדענקן די דרשות פון אמונה וואס דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט מיט אונז א גאנץ יאר.

# נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענעם שבת פרשת כי תשא - שבת פרה האבן מיר געהאט א איבערראשונג, מען האט געהאט די זכיה צו האבן צוגאסט דעם חשוב'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס איז געקומען אויף שבת אן דעם וואס די אינגעלייט אין שטעטל האבן פאראויס געוויסט.

גלייך ביים זמן האט מען פארגעלערנט דעם דף גמרא, דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען מיט א געשמאק און א חיות.

די באטע איז פארגעקומען אינעם שטוב פון ר' יצחק אייזיק ראטה נ"י ווי דער ראש ישיבה איז איינגעשטאנען במשך דעם גאנצ'ן שבת, מען איז געזיצן ביז שפעט אין די נאכט שעות און פארברענגט מיט זינגען לכבוד שבת און ווי אויך האט מען געהערט דיבורי התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אינדערפרי איז שוין דער ראש ישיבה שליט"א געזיצן אין בית המדרש פון גאר פרי און געלערנט מיט א געשמאק, וואס האט אריין געגעבן א חשק פאר אלעמען אויכעט צו לערנען.

שחרית האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד מיט א געוואלדיגע געשמאק און א חיות וואס האט יעדן אריין געשלעפט אינעם דאווענען.

שבת נאכמיטאג פאר מנחה איז מען געזיצן אין בית המדרש אין געלערנט יעדער איינער זיינע שיעורים צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, פאר מנחה האט מען פארגעלערנט דעם דף גמרא.

נאך מעריב האט מען זיך שווער געזעגענט פונעם ראש ישיבה שליט"א, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וועט נאך קומען אינמיטן די וואך איין אינדערפרי כדי צו מחזק זיין מען זאל קומען אין בית המדרש לערנען יעדן טאג.

## סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער געטרייע איבערגעגעבענע מנהל המוסדות

**הר"ר אברהם משה שטראסער נ"י וזוגתו תחי'**

צו די שמחת החתונה פון זייער חשובע זוהן תלמוד הישיבה

**החתן שרגא נ"י**

**עב"ג הר"ר נחמן ניישטיין שליט"א**

מלמד מומחה אין די ברסלב'ע חדר אין וויליאמסבורג

# שבת כי תשא - פרה מיט די ראש ישיבה שליט"א

**שיעור פעולת הצדיק:** דער הייליגער רבי האט אמאל ארום גערעדט די גרויסקייט פון זיך, אינמיטן האט ער זיך אנגערופן "מען קען נישט אזוי רעדן די גרויסקייט ווייל יעדער רעדט די זעלבע" דאס הייסט יעדער זאגט אויף זיין רבי אז ער איז די גרעסטער און הייליגסטע רבי וואס איז נאר פארהאן, נו, וויאזוי קען איך וויסן ווער עס איז די ריכטיגע רבי צו וועם איך דארף גיין? דאס איז נאר ווען מען הייבט אן קיקן וואס דער רבי געט מיר אין די האנט, איך פארליך מיך נישט ווען עס קומט אן א צרה, ווי למשל יעצט ווען די גאנצער וועלט איז דערשראקן צום טויט וועגן די "**קאראנע ווייראס**" שטעלט זיך שוין איינמאל ארויס די חילוק פון א איד וואס לעבט מיט די עצה פון אמונה - וואס דער הייליגער רבי חזר'ט מיט אונז א גאנץ יאר, און פארקערט דו מענטשן וואס חזר'ן נישט דאס א גאנץ יאר, זיי פייניגן זיך נעבעך מיט אומזינסטע פחדים.

**שיעור סיפורי מעשיות:** פארגעלערנט מעשה י' פון דער בערגער און דער ארימאן, א בערגער הייסט א עושר, [דער ראש ישיבה האט געפרעגט דארט א אינגל, ווער איז א עושר? האט ער געענטפערט "איינער וואס האט אסאך מצות" דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו זעהן ווי אזוי מען לייגט אריין אין די קינדער אז עשירות איז איינער וואס טוט מצות] דער ארימאן וואס איז שוין היינט געווען א גענעראל - א עושר האט פארטריבן דעם בערגער'ס זוהן - וואס איז שוין היינט געווען א ארימאן, דער זוהן איז אנגעקומען אין א אינזל, און ווי מער ער האט געוואלט טרעפן דעם וועג ארויס איז ער אלץ מער פארקראכן געווארן טיפער אין דעם אינזל. זעהט מען פון דעם א מורא'דיגע התחזקות פאר יעדן איד, ער פראבירט צו אנהייבן זיין גוט אבער ווי מער ער פראבירט זעהט אים עס אויס ווי מען שטיפט אים אוועק נאך ווייטער, אבער אז מען האלט זיך שטארק קומט מען אן ביז'ן סוף און מען ווערט א גרויסער ערליכער איד.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס וועגן שלום בית ווי ווייט מען דארף מכבד זיין א ווייב און זאגן גוטע ווערטער אין שטוב, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א חתן האט אים פארציילט וואס דער מדריך האט אים אלץ אויסגעלערנט, פאלשע לימודים פון פרישות וואס איך האב נישט געוויסט אז מען לערנט נאך אלץ פאר חתנים אזאנע לימודים, איינע פון די זאכן האט ער אים אויסגעלערנט אז די ערשטע פאר יאר נאך די חתונה זאל מען נאר זאגן פאר די ווייב אזעלכע ווערטער ווי "א גרויסן שכח דו ביזט מיר זייער געטריי", ווייל עס נעמט צייט ווילאנג עס בויעט זיך אויף די אמת'ע ליבשאפט! ליידער ליידער פארדרייט מען נאך אלץ די קאפ פון תמימות'דיגע חתנים מיט פאלשע הקדמות אין לעבן, וואס מען דארף זיך פון דעם זייער היטן.

ווי אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט פון א עלטערע פארפאלק וואס האבן זיך אפגעטיילט ווייל דער מאן האט געטראפן ביי זיין ווייב אפאר הונדערט דאלער וואס זי האט אוועק געלייגט אן זיין רשות, און לכבוד דעם האט ער איר איינגשפארט פאר א גאנצן טאג, און זי איז אנטלאפן פון אים, און מען האט אריין געמישט אלע קינדער אין דעם פרשה רחמנא לצלן, דאס קומט נעבעך ארויס ווען מען הערט נישט קיין שיעורים פון שכל ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן אינדערהיים מאן און ווייב, מיט אביסל סבלנות קען מען ראטעווען די גאנצע שטוב.

**שלש סעודות:** מען האט פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן תורה מ"ח ווי דער הייליגער רבי שרייבט מורא'דיגע התחזקות פאר יעדן איד אז ער זאל זיך נישט פארלירן און אויפגעבן ווען עס גייט אים שווער צו דינען דעם אייבערשטן, און ווען עס זעהט אים אויס אז מען שטיפט אים אוועק חלילה, נאר ער זאל ווייטער אנגיין מיט זיינע מצות ומעשים טובים וואס ער טוט, און ווי דער הייליגער רבי שרייבט דארט "ווען איך וואלט געהאט ווען איינעם וואס זאל מיך זאגן **ברודער שטארק דיך און דערהאלט זיך** וואלט איך ווען אסאך מער געלערנט און געדאווענט. דערפאר דארף מען זעהן זיך צו מחזק זיין און קומען אין שול יעדן טאג דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין, און אז מען דאווענט מיט מנין האט מען א דבר שבמנין [געלט]. ווי אויך זאל מען זעהן צו גיין אין מקוה יעדן טאג, אז מען האט א האנטוך איז גוט און אז מען האט נישט גייט מען אויך אין מקוה, דאס טאר נישט אפהאלטן פון גיין אין מקוה, תירוצים נישט צי גיין וועט אייביג זיין, מען דארף זעהן נישט צו קיקן דערויף.